שנה ד׳
גליון פ״ד

מטו״מ-דברים
תשפ״ה לפ״ק

בעזהשי״ת

# בקודש פנימה

## שיחות קודש מכ״ק מרן אדמו״ר שליט״א

גליון פנימי לאנ״ש חסידי פאפא • י״ל ע״י ׳מערכת פאפא׳

**מדור שיחות קודש —— א**

בתוכן:

עתידים בתי כנסיות לעלות לירושלים / **הסתופפות בצל הרבי בימות המשיח** / להסתובב בקירבת צדיקים ולשמוע בדבריהם / **בדרכי החסידות לבחורים** / קידוש ה׳ על ידי הנגיד ר׳ משה רייכמאן / **מקרב אלמנות** / תורת החתם סופר מן השמים / **מקרב את קרוביו** / עבודת אכילה / **לימוד זכות על הבחורים** / הספיקא דיומא ביארצייט של קדושי פאפא הי״ד / **היתר הוראה ממרן מבעלזא זי״ע** / היתר הוראה מהלבושי מרדכי ממאד / **ועוד**

**מדור דברות קודש —— יב**

בתוכן:

אשרי תמימי דרך / **בוקר ויודע ה׳** / ורוממנו מכל לשון / **התפשטות הקדושה** / תורה עם יראת שמים / **ערב שבת** / קדוש מבואו ועד צאתו / **מקום שמחשבתו של אדם** / שמחה בעבודת ה׳ / **מדת עקשנות לעבודת ה׳** / מדת גיאות לעבודת ה׳ / **תירוצים של היצר הרע** / ברוחניות אין מחיצות / **הבנת התורה** / מרובים העושים את המצוה / **ועוד**

**מדור חסידים דערציילן – יז**

לא אירע רע / **הצוואה הק׳ הכנה דרבה** / לימוד בספר הכנה דרבה / **תפלת בריך שמיה** / עבודת התפלה / **יראת שמים והרבצת התורה** / גוף קדוש

שיחת קודש של כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א **עם גיסו הגה״צ אבד״ק לימנוב שליט״א בעת שלחן לחיים בביהמ״ד של המדריכים** במחנה הקיץ דחסידי פאפא

**יום ב׳ פנחס תשפ״ה לפ״ק**

**מרן שליט״א**: מ׳שטייט יעצט אין די דריי וואכן, קדושה ראשונה פון ארץ ישראל קידשה לשעתו וקידשה לעתיד לבא, לעומת זה איז אויך פארקערט אז די אלע בתי כנסיות ובתי מדרשות פון דא וועלן ארויפגיין אהין, אידן לייגן דא אריין אזויפיל כוחות, מ׳האט שוין אזויפיל יארן געלערנט דא תורה, דאס גייט נישט לאיבוד, אלעס וועט ארויפגיין קיין ארץ ישראל.

**אבד״ק לימנוב**: מ׳זאגט נאך פון **הגה״ק מרן החתם סופר זי״ע** אזא לשון: "ווער וועט ברויכן די בתי מדרשים דעמאלטס?" ס׳וועט זיין די בית המקדש און ירושלים בתפארתו ווער וועט זיך בענקען נאך סוואן-לעיק... די עומק הדברים וועט זיין אז דעמאלטס וועט זיין א שטאלץ ווען מ׳וועט געבן א קוק צוריק אין גלות און מ׳וועט זיך וואונדערן וויאזוי מ׳האט זיך געקענט האלטן, אויף דעם וועט מען נוצן די בתי מדרשים, א בחינה פון כה אמר ה׳ זכרתי לך חסד נעוריך (ירמי׳ ב, ב).

**מרן שליט״א**: די השתלשלות הענינים פון אידישע קינדער וואס זענען שוין געגאנגען אין גלות אויף אזויפיל פלעצער אין אזויפיל מדינות און איבעראל האט מען זיך פריש געבויט מיט אלעס וואס מ׳האט געהאט, שפעטער איז מען געגאנגען צו נאך א פלאץ אין גלות האט מען אויפגעבויט נאך א פלאץ און אזוי ווייטער.

**מו״ץ הרה״ג ר׳ יצחק אהרן גאלדבערגער שליט״א**: ס׳שטייט פון **חיד״א** אויפ׳ן פסוק (איכה ד, א) תשתפכנה אבני קודש, אז דער אויבערשטער

האט אראפגעווארפן שטיינער אויף חוץ לארץ און וואו ס'איז געפאלן א שטיין דארט וועט זיין א מקום קדושה.

**אבד"ק לימנוב**: נאכמער, דער **שבט מוסר** זאגט זייער א טיפע נקודה, אז אין יעדע בית המדרש איז דא א שטיינדל פון בית המקדש, ווייל דארט וואו ס'איז געפאלן א שטיינדל דארט ווערט געבויט א מקום תורה, ממילא ווען משיח וועט קומען וועט זיין א מורא'דיגע נס, ווייל לכאורה וויאזוי וועט עס זיין, צי וועט מען נעמען די אלע בתי מדרשים און מ'וועט עס צוריק צאמשטעלן צי וועט די גאנצע בית המדרש בלייבן. זאגט דער שבט מוסר אז ס'וועט זיין ווי די נס פון עומדים צפופים ומשתחוים רווחים, אלעס וועט האבן פלאץ דארט.

איך געדענק אז אין פלארידא איז געווען א פאפא איד איינער בערקאוויטש, ער איז געווען זייער א רייכער מענטש, גאר א גרויסע עושר.

**מרן שליט"א**: דאס איז **הר"ר משה חיים בערקאוויטש ז"ל**, ער האט געהאט האטעלן.

**אבד"ק לימנוב**: יא, געדענק איך אז **הרה"ח ר' מיכל אויש ז"ל** מיט נאך עסקנים זענען אריבערגעקומען צו אים נאך געלט פאר די מוסדות, און מ'האט ערלעדיגט אז **כ"ק מרן זצוק"ל** זאל ארויפקומען צו אים אין שטוב פאר געלט. מ'האט אים שטארק באארבעט פארדעם, און שפעטער איז דער שווער ז"ל ארויפגעגאנגען צו אים אין שטוב, איך בין דאן מיטגעגאנגען מיט'ן רבי'ן ז"ל האב איך אלעס מיטגעהאלטן.

דער איד האט ארויסגעברענגט אויפ'ן טיש א ליידיגע טשעק און געזאגט: "איך געב וויפיל געלט דער רבי וויל", האט דער רבי ז"ל געפרעגט: "וויפיל געלט האסטו?" האט ער געענטפערט: "מער וויפיל דער רבי קלערט"... הערנדיג דאס זענען ר' מיכל אויש מיט די אנדערע עסקנים געווארן זייער צופרידן, ווייל ס'איז תכלית דא, ס'קומען גוטע צייטן...

דער רבי ז"ל האט אנגעהויבן אזוי דרייען מיט'ן קאפ - מ'דארף זען די צורה וויאזוי דער רבי ז"ל טוט דאס - ס'איז געגאנגען אהין און צוריק די שמועס, דער רבי ז"ל איז געווען פארנומען: "וויאזוי קען איך אריינרעדן וואס דו זאלסט געבן", און דער איד האט געזאגט: "וויפיל דער רבי וועט זאגן".

ביז דער איד האט געפרעגט: "נו, וויפיל זאל איך געבן?" האט דער רבי ז"ל געפרעגט: "קענסט אפשר געבן פינף הונדערט דאללאר?"... תוך כדי דיבור האט זיך דער איד געוואנדן צו די עסקנים און געזאגט בבדיחותא: "דעם רבי'ן האט עטץ געברענגט אהער? איך קען דען נישט מיין רבי'ן?"... אבער ס'איז נישט געבליבן ביי פינף הונדערט דאללאר, ער האט געגעבן אסאך מער.






אבער דער רבי ז"ל האט אים דעמאלטס געזאגט ווערטער וואס האט אים זייער געכאפט, זאגנדיג: "דו ביזט דאך א פאפא איד, ווען משיח וועט קומען וואו וועסטו גיין? וועסט אודאי קומען קיין פאפא, אויב אזוי אז דו געבסט געלט פאר פאפא געבסטו עפעס וואס איז דיינע לעלמי עד".

*

**מרן שליט"א**: די קעמפ איז דאך געמאכט אז די קינדער זאלן אביסל שפילן. ס'איז געווען אן אייניקל פון **כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע** וואס איז געווען ביים טאטן ז"ל אין אנטווערפן און ער האט נישט געהאט קיין חשק צו לערנען, ער איז געווען א יתום זיינע עלטערן זענען אומגעקומען ביים קריג ל"ע, און ער האט געהאט חשק צו פארן אויף אמעריקא, דעמאלטס איז געווען א גרויסע תאוה צו פארן אויף אמעריקא, מ'האט זיך איינגערעדט אז מ'וועט האבן גרויסע גליקן אין אמעריקא, ס'האט געהייסן די גאלדענע מדינה. האט אים דער טאטע ז"ל גזאגט: "בלייב דא, דריי דיר דא נעבן מיר, איך הייס דיר נישט לערנען, קענסט גיין מאכן מסחר, אבער איך בעט דיר פָאר נישט קיין אמעריקא".

ער איז אבער יא געקומען קיין אמעריקא, און ער האט נעבעך נישט געהאט קיין נחת דא, ער האט זיך גע'גט און געהאט נישט קיין געזונטע קינדער ל"ע, ער פלעגט דא קומען צום טאטן ז"ל, אויך האט דער טאטע ז"ל זייער שטארק מקרב געווען זיינע קינדער, **הרה"ח ר' יוסף וועבער ז"ל** איז געווען פארנומען מיט זיי, ער האט זיי געקויפט בגדים מיט אנדערע זאכן[א].

ביי א געלעגנהייט האט מיר דער טאטע ז"ל געזאגט אויף אים: "זעסטו! אזוי זעט מען אויס ווען מ'פאלגט נישט".

**אבד"ק לימנוב**: מענין לענין, **הר"ר משה רייכמאן ז"ל** האט מיר דערציילט, ער האט דאך געלערנט ביים רבי'ן ז"ל, ער האט געהאט א גוטן קאפ און ער האט געהאט חשק צו גיין לערנען צו איינער פון די ליטווישע ישיבות, אבער דער רבי ז"ל האט אים געבעטן: "איך בעט דיר, בלייב דא, דא האסטו א תכלית", האט ער געזאגט אז זיין קאפ איז ברייטער און ער שפירט אז ער וויל עפעס מער, און ער איז געגאנגען לערנען צו א ליטווישע ישיבה, שפעטער איז ער געגאנגען צו סניידערס. ער האט זיך זייער שיין געזעגנט אבער אפילו אזוי האט אים דער רבי ז"ל געבעטן אפאר מאל ער זאל בלייבן.

האט מיר ר' משה רייכמאן געוויזן א בריוו וואס דער רבי ז"ל האט אים געשריבן עטליכע וואכן נאכ'ן אוועקגיין פון פאפא - מ'קען דאס זען לויט די דאטום - דאס איז געווען נאכדעם וואס ער האט געשריבן א בריוו צום רבי'ן ז"ל מיט א שאלה, אז ער איז מסופק אויב מ'מעג הלכה'דיג גיין שבת אין מקוה...

האט אים דער רבי ז"ל צוריקגעשריבן: "כ'האב וואס צו זאגן להלכה איבער דעם, דאס וועל איך דיר שפעטער נאכשיקן, אבער קודם וויל איך דיר פרעגן, אין דריי וואכן ביזטו שוין קאליע געווארן? אזוי שנעל? ביזט דאך געווען דא א חסיד'ישער בחור און יעצט האסטו א שאלה צי מ'קען גיין שבת אין מקוה?" דער רבי ז"ל האט זיך זייער מתרעם געווען אויף די שאלה.

**מרן שליט"א**: ס'איז דא געדרוקט א תשובה פון טאטן ז"ל צו אים (שו"ת ויען יוסף יו"ד סימן נז) וועגן חלב עכו"ם[ב].

---

**א.** ראה קובץ 'גנזי אור' חלק א' מדור 'איש אמונו' חילופי מכתבים של כ"ק מרן ז"ל בענין זה.

**ב.** ראה שם מה שכתב לו כ"ק מרן ז"ל בתחלת התושבה דברים יסודיים בדרכי החסידות (שנת תש"ג): שלום וברכה לכבוד אהובי תלמידי היקר ש"ב הב' המו"מ בתוי"ש וכו' כ"ה משה רייכמאן נ"י. מכתב יקרתך נכון הגיעני ושמחתי בו בראותי מתוכו שאתה שוקד על התורה בהתמדה, והשי"ת יצליח דרכך בתורה ובכל מדה נכונה ותעלה מעלה מעלה וכל דרכיך יכונו אכי"ר.

**ועל** דבר אשר ביקשת ממני לכתוב לך דרכים משיטת החסידים וענינם, היות כי אתה לומד בישיבה של מנהגי ליטא. הנה הקשית לשאול דברים שאי אפשר לפרש בכתב ואפילו בעל פה קשה להסביר מילתא דתליא באבנתא דלבא, ואפילו המתנהגים בדרך החסידות רובם אינם מבינים רק חיצוניות הענינים והמנהגים הטובים שבהם, המיוסדים על דקדוקי מצות וגדרים וסייגים להשמר מעבירות אשר זה עיקר גדול בזמן הזה, ודי לבחורים צעירים אשר צריכין להעמיק מוחם בפלפול התורה בפלפול של אמת, במה שמתחברים לאנשים המתנהגים בדרך החסידות, ונגררים אחר המנהגים הטובים שבהם, כגון להזהר בטבילת מקוה, לאו דוקא כשמצטרך למקוה אלא אפילו סתם שהוא סגולה לטהרת מחשבות, ולבוא כפעם בפעם בין חברותא המספרים ממדריגות הצדיקים שבדור הקדום מתלמידי הבעש"ט זי"ע, ומעיינים לפעמים בספריהם המדברים דברי התעוררות לתפילה ולתורה ומצות ומעש"ט, אשר דברי קדשם פועלים גם מצד הסגולה, אפילו אם הסבר דבריהם אינם מובנים כל כך לסתם בני אדם, מ"מ כח הפועל בנפעל.

**דברים** כאלה וכיוצא באלה הם המקיימים דרכי החסידים בדור הזה, בצירוף מה שמדבקים עצמם להיות קרוב לאיזה צדיק

**אבד"ק לימנוב**: ער האט גוט געקענט לערנען, ער איז געווען א בן תורה.

---

אשר רבים דבקים אליו, כמבואר בסה"ק הכנה דרבה (סימן ג'), וגורם להתחברות ואהבת חברים טובים, וכל דברים הללו יכולין לקיים גם הלומדים בישיבות שלכם אף שהם מיוסדים בנוסח אחר, כל שאינם מתנגדים למנהגי החסידים, אבל החילוקים שהם בפנימיות הענינים בין הכיתות אינם נאמרים רק ליחידי סגולה, וחילוקים כאלה יש בין כיתות החסידים גופייהו לא ראי זה כראי זה, וכמאחז"ל (סנהדרין לד.) ע"פ (ירמיה כג, כט) כפטיש יפוצץ סלע, ואין לבחור צעיר להעמיק בזה כי אם ללמוד וללמד בפשטות לשמור ולעשות ולקיים ולהזהר מעבירה ונדנוד עבירה ח"ו, ולא לילך בגדולות ונפלאות במילי דחסידותא.

**מרן שליט"א**: יא, ער האט ליב געהאט צו לערנען. ער האט דאך געמאכט א געוואלדיגע קידוש ה'! ער איז דאך געווען א געוואלדיגער בעל מסחר, אבער זיין ב"ב האט געוואוסט אז ווען ער האט זיין שיעור קען דינערן און בליצן... די גרעסטע ביזנעס-לייט האבן געקענט צו אים ארייינקלינגען, אבער אלעס איז געווען געשטארבן, די וועלט איז געשטארבן.

**אבד"ק לימנוב**: ער האט א גאנץ לעבן באצאלט עפרות זהב פאר א חברותא, וואס יענער האט זיך געדארפט פארקוקן, און וואו ער איז געפארן האט די חברותא געדארפט מיטפארן.



ער האט מיר אמאל געזאגט עפעס וואס איך וועל עס נישט אזוי שנעל פארגעסן, ער האט זייער געהאלטן פון זיין ראש ישיבה **הגאון רבי משה שניידער זצ"ל**, ער האט דארט געלערנט אין די זעלבע צייט פון **הגה"צ רבי יצחק טובי' ווייס זצ"ל בעמח"ס שערי טובי'** ולהבחל"ח **הגה"צ רבי משה שטערנבוך שליט"א בעמח"ס תשובות והנהגות**, האט מיר ר' משה אמאל געזאגט, "דאס ביסל יראת שמים וואס איך האב, האב איך פון פאפא".

איך בין געווען אמאל מיט'ן שווער ז"ל ווען ער האט חתונה געמאכט אין מאנהעטן-הילטאן, דער שווער ז"ל איז געווען דארט צוזאמען מיט **הגה"ק צעהלימער רב זצוק"ל**. [ג]

**מרן שליט"א**: איך געדענק אז דער טאטע ז"ל מיט'ן צעהלימער רב זענען געווען ביי די חתונה פון זייער נעפיו **הר"ר אהרן געשטעטנער הי"ו** ערגעץ אין די מאוינטעס - דאס איז נישט דער ר' אהרן געשטעטנער וואס עטץ קענטס פון דא, דאס איז ר' אהרן צבי געשטעטנער פון טאראנטא - **הר"ר שמעי' רייכמאן ז"ל** דער פאטער פון ר' משה איז דאך געווען אן איידעם ביי א **הרה"ח ר' אברהם געשטעטנער ז"ל** [מעיר ראאב], און היות ר' אהרן געשטעטנער איז געווען א יתום איז ער נתגדל געווארן ביי ר' שמעי' אין שטוב, האבן די רייכמאנס חתונה געמאכט זייער נעפיו, דאס איז געווען ערגעץ אין די מאוינטענס[ד].

דער ר' אהרן איז א נעפיו פון **הרה"ח ר' דוד לוי געשטעטנער ז"ל**, מרת רייכמאן איז א שוועסטער פון ר' דוד לוי.

**אבד"ק לימנוב**: ס'איז געווען א גרויסע חידוש, ווייל דער רבי ז"ל איז געווען זייער פרום מיט פרויען, אבער אמאל אין פלארידא האט איינער געקלינגען ביים טיר בין איך געגאנגען עפענען, זענען געשטאנען דארט צוויי פרויען און געזאגט אז זיי ווילן אריינגיין רעדן מיט'ן רבי'ן, האב איך זיי געפרעגט ווער זיי זענען, האבן זיי געזאגט: "רייכמאן און געשטעטנער", בין איך אריינגעגאנגען צום רבי'ן ז"ל זאגן ווער דאס איז, האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט: "יא די נעמען שטימען", בקיצור ס'האט זיך ארויסגעשטעלט אז דאס זענען צוויי אלמנות, משה רייכמאנ'ס מאמע מיט נאך אן אלמנה א יונגע אלמנה, האט דער רבי ז"ל געהייסן זיי אריינרופן.

דער רבי ז"ל האט געהייסן ברענגען צוויי בענקלעך פאר זיי און אזוי זענען זיי דארט געזעסן און דער רבי ז"ל האט געשמועסט מיט זיי.

שפעטער ווען זיי זענען אוועקגעגאנגען איז די **רביצין ע"ה** אריינגעקומען און זי האט געוואלט פארשטיין וואס דא גייט פאר, ס'איז געווען א גרויסע חידוש, האט זי געפרעגט מיט אזא בדיחותא: "צו מיר האט נישט דער רבי אזויפיל צייט"... האט דער רבי ז"ל געזאגט: "וואס פארשטייסטו נישט! זיי זענען דאך צעבראכענע אלמנות, דאס איז אן אנדערע זאך".

**מרן שליט"א**: **הרה"ח ר' יצחק דאנאטה ז"ל** איז מיטגעפארן מיט'ן טאטן ז"ל ווען ער איז געפארן תש"ח פון אנטווערפן קיין אונגארן, דער טאטע ז"ל איז צוריקגעפארן צו די יארצייט ב' אדר, ס'איז געווען עטליכע אינטערעסאנטע זאכן דארט.

אויפ'ן וועג איז דער טאטע ז"ל געווען ביים ציון פון חתם סופר, ביים ארויסקומען פון ציון האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר ר' יצחק: "זאלסט וויסן אז די תורה פון חתם סופר איז תורה מן השמים; וועסטו פרעגן פון וואו איך וייס דאס? ווייל א זאך וואס איז געווארן אנגענומען בכל תפוצות העולם איז תורה מן השמים".

פרעשבורג איז נעבן וויען, ווען מ'איז דורכגעפארן וויען האט דער טאטע ז"ל געזאגט פאר ר' יצחק: "איך האב דארט א קרוב, איך וויל אהינגיין באזוכן", ר' יצחק האט דאך געוואוסט וואסערע פלאץ דאס איז, האט ער געזאגט פאר'ן טאטן ז"ל: "דאס איז נישט פאר'ן רבי'ן אהינצוגיין"... ער האט געמיינט צו זאגן וועגן די שמירת עינים וואס ס'גייט אלץ פאר דארט... האט דער טאטע ז"ל געזאגט: "איך 'פרעג' נישט קיין שאלות, איך האב 'געזאגט' אז איך וויל גיין". דער טאטע ז"ל איז טאקע געגאנגען אהין, ער האט גערעדט אפאר ווערטער, ס'איז געווען עיניו למטה, ער האט גארנישט געקוקט... דער

**ג.** ה"ה שמחת החתונה לא' מצאצאיו של הר"ר אלי' רייכמאן ז"ל בן הר"ר שמעי' רייכמאן ז"ל.

**ד.** ה"ה שמחת החתונה של הר"ר אהרן צבי געשטעטנער הי"ו מעיר טאראנטא, שהתקיימה באולם 'עמפייער' במחוז 'ליבערטי'. ר' אהרן צבי הי"ו הוא בן הרה"ח ר' משה ארי' געשטעטנער ז"ל [בן הרה"ח ר' אברהם געשטעטנער ז"ל מראאב], שנעקד"ה במחנה השמדה 'מאטהויזן' ר"ח ניסן תש"ה, היו לו שמונה צאצאים, ושבעה מצאצאיו נעקד"ה במחנה השמדה 'אוישוויץ', ובנו הר"ר אהרן צבי הי"ו נשאר לפליטה לבדו מכל משפחתו.

בס"ד, מנחם-אב תשפ"ה

פראיעקט

# יזכור אהבתם

געקליבענע נאסטאלגישע
רעקארדירונגען און אויסצוגן פון
שלחנות הטהורים ומעמדי קודש בצל
הקודש של כ"ק מרן אדמו"ר זצוקק"ל
און סיפורים ועובדות מפי חסידים

טעגליכע הנאה רוחני
אויף 1←1 פון די מעין מעניו

ווערט ארויפגעלייגט יעדן צופרי
ביז'ן יומא דהילולא קדישא

יִזְכֹּר אַהֲבָתָם וִיחַיֶּה זַרְעָם שֶׁלֹּא תֹאבַד שְׁאֵרִית יוֹסֵף

קול קהלת יעקב
קו אנ"ש חסידי פאפא

718.480.7872
PUPA

טאטע ז"ל האט געזאגט: "ס'איז א קרוב, כ'וויל גיין צו א קרוב", מ'דארף מקרב זיין די קרובים.

בימים ההם אין אמעריקא האט ר' יצחק דאנאטה געהאט א קאר, דער עולם האט נאכנישט געהאט קיין קאר'ס דערפאר האט ער געפירט דעם טאטן ז"ל מיט זיין קאר. האט מיר ר' יצחק דערציילט אז מיין מאמע ע"ה האט אונטערגעזאגט פאר ר' יצחק: "דו פירסט דאך דעם רבי'ן מיט'ן קאר, האסטו דאך א געלעגנהייט צו שמועסן, בעט איך דיר זאג פאר'ן רבי'ן אז ער זאל מער עסן".

ר' יצחק האט טאקע אנגעהויבן א שמועס דערוועגן אז מ'דארף עסן אז נישט ווערט מען אפגעשוואכט, דער טאטע ז"ל האט אים געלאזט רעדן און רעדן, ווען ער האט געענדיגט רופט זיך דער טאטע ז"ל אן: "דו הייבסט דאך נישט אן צו פארשטיין, די גאנצע זאך קומט דאך פון צופיל עסן"...

אמאל האבן די בחורים איינגעבראכן אין קאך ליל שישי און גע'גנב'ט מזונות, די הנהלה איז געווען זייער בייז און זיי זענען אריינגעקומען צום טאטן ז"ל מיט א מורא'דיגע רעגעניש אז מ'דארף באשטראפן די בחורים, האט זיך דער טאטע ז"ל אנגערופן צו זיי: "אפשר זענען זיי געווען הונגעריג?"... האבן זיי געענטפערט: "דער רבי זאל וויסן, וויפיל מ'ווארפט דא ארויס א טאג, האט מען אינדערהיים אין פאפא געקענט לעבן א וואך"...

**אבד"ק לימנוב**: אין סאטמאר איז דא א ווערטל אז מ'איז געקומען צו **כ"ק האדמו"ר הדברי יואל מסאטמאר זצ"ל** זיך אפרעדן אז די בחורים האבן זיך איינגעבראכן אין קאך, האט סאטמארער רב געזאגט: "מ'איז לעצטענס געקומען פון מיידל-סקול זיך אפרעדן אז די מיידלעך ברעכן זיך איין אין קאך, האב איך מיר געזארגט פון וואו וועט זיין שידוכים פאר זיי, אבער יעצט בין איך שוין נישט באזארגט, ס'וועט זיין גוטע שידוכים"...

**הגרי"א גאלדבערגער**: איך געדענק דער רבי ז"ל האט זיך אמאל אויפגעשטעלט און געהאלטן א שטרענגע דרשה פאר די בחורים אז מ'האט זיך איינגעבראכן אין קאך.

**אבד"ק לימנוב**: דאס איז זיכער נישט געווען מרצונו הטוב... די הנהלה האט מן הסתם זייער שטארק געבעטן.

ס'איז געווען דא אין קעמפ אמאל א קעכער אן עם הארץ אבער אן ערליכער, האט מיר דער רבי ז"ל דערציילט אמאל איבער אים, אז יענער איז געקומען צום רבי'ן זיך אפרעדן אז ער קען נישט פארשטיין פארוואס מ'מאכט ליל שישי דוקא דאנערשטאג נאכט ווען אלעס איז שוין אויפגערוימט, זאל מען ענדערש מאכן ליל שישי דינסטאג נאכט... דער רבי ז"ל האט ארויסגעברענגט אז מ'דארף קענען לערנען אביסל.

**מרן שליט"א**: **הרה"ח ר' משה חיים גליק ז"ל** איז געווען מענעדזשער אין קעמפ ווען מ'איז נאך געווען אין ליווינגסטאן-מענאר, ער האט געברענגט א אידישע קאנטראקטער צו בויען די מקוה, האט אים דער טאטע ז"ל געזאגט: "וואס ברענגסטו מיר א קאנטראקטער וואס קען הלכות מקוואות?"...

*

**כ"ק מרן שליט"א טעם מ'לעקיך און ברוינפן, ואמר:**

היינט איז געווען ח"י תמוז, די פאפא יארצייט איז דאך שבעה עשר בתמוז, אבער דער טאטע ז"ל פלעגט צו זאגן אז ס'איז א שטיקל ספיקא דיומא[ה].

**אבד"ק לימנוב**: מיין טאטע'ס מאמע איז אויך אוועק אין אוישוויץ שבעה עשר בתמוז.

**מרן שליט"א**: **הרה"ח ר' מרדכי'לע וועבער הי"ו** האט מיר דערציילט, אז זיינע עלטערן זענען דאך אוועק ביים קריג און ער האט נישט געוואוסט ווען די יארצייט איז, נאכ'ן קריג אין אנטווערפן האט ער געפרעגט פון טאטן ז"ל ווען ער זאל האלטן די יארצייט, האט דער טאטע ז"ל געזאגט אז דער זיידע הרה"ח ר' יואל וועבער ז"ל - וואס איז אויך אונזער זיידע - איז זיין יארצייט חמשה עשר בשבט, זאל ער האלטן די יארצייט דעם טאג.

שפעטער איז ר' מרדכי'לע געווארן משמש ביי **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** אין ארץ ישראל, און ביים יארצייט חמשה עשר בשבט ווען ער האט מזכיר געווען די נעמען האט אים דער רב ז"ל געפרעגט: "חמשה עשר בשבט א יומא דפגרא איז מען קובע א יארצייט?" האט ער געגעבן א זאג: "פאפא רב האט מיר אזוי געזאגט", האט דער רב ז"ל געזאגט: "אויב אזוי זאג איך גארנישט".

**הגרי"א גאלדבערגער**: דער רב ז"ל האט דאס געזאגט פאר **כ"ק האדמו"ר מצאנז-קלויזענבורג זצ"ל**, דער

---

**ה.** כי בני עיר פאפא הגיעו למחנה השמדה אוישוויץ ביום שבעה עשר בתמוז אחה"צ ולא ברור אם יום פטירתם היה מבעוד יום, לכן החזיק כ"ק מרן ז"ל היארצייט גם בליל ח"י תמוז [בנוסף לי"ז תמוז], מרן ז"ל הדליק אז נרות ואמר קדיש, וכן נוהג כ"ק מרן שליט"א.

קלויזענבורגער רב'ס טאטע **הרה"ק רבי צבי הירש מרודניק זי"ע** איז זיין יארצייט חמשה עשר באב, האט ער געוואלט דעמאלטס מאכן די חינוך פאר קרית צאנז נתניה, האט אים דער רב ז"ל געזאגט אז היות ס'איז די טאג פונעם יארצייט זאל ער עס נישט מאכן דעמאלטס.

**אבד"ק לימנוב**: איך געדענק דער רבי ז"ל האט מיר אמאל געזאגט: "די שטערקסטע הוראה וואס איך האב באקומען איז פון רב ז"ל", ער האט דאך באקומען הוראה פון גרויסע גדולי ישראל, אבער די שטערקסטע איז געווען פון רב ז"ל, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל צי ער האט באקומען א כתב, האט ער מיר געזאגט: "ניין, מער ווי א כתב". דער רבי ז"ל האט מיר דערציילט אז אמאל האט אים דער רב ז"ל געהייסן זיצן און געזאגט אז די הלכה איז אז דער שואל דארף שטיין און דער דיין זאל זיצן, דער רב ז"ל האט זיך אויפגעשטעלט, דער רבי ז"ל האט זיך אראפגעזעצט און דער רב ז"ל האט אים געפרעגט עטליכע שאלות.

דער רבי ז"ל האט מיר געזאגט: "איך האב געהאט א סייעתא דשמיא אז כ'האב מיר נישט פארלוירן, כ'האב געהאט מיין הרחבת הדעת און כ'האב אויפ'ן פלאץ געענטפערט".

דער רבי ז"ל שרייבט עס אין די הקדמה (לספה"ק ויגד יעקב דברים) [ו], אבער די נקודה האט ער פאר מיר צוגעלייגט, אז ער האט א סייעתא דשמיא אז ער האט זיך נישט פארלוירן מחמת פחד. האט דער רבי ז"ל געזאגט, אז דאס איז פשט, אז ער האט מיר אויפגענומען צו זיין א מורה הוראה, און דאס איז ביי מיר מער ווי אלע הוראות וואס כ'האב באקומען [ז].

**הגרי"א גאלדבערגער**: דער רבי ז"ל האט מיר דערציילט אז ער האט באקומען די שטערקסטע הוראה פון **הגה"ק הלבושי מרדכי ממאד זצוק"ל**, האב איך געפרעגט דעם רבי'ן ז"ל אז מ'זאגט דאך אז דער לבושי מרדכי האט געגעבן גרינג הוראה, האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט: "אבער איך בין געזעסן ביי אים זעקס וואכן, און אלע שאלות האב איך גערארפט ענטפערן".

**אבד"ק לימנוב**: מיר האט דער רבי ז"ל דערציילט וועגן די לבושי מרדכי אז סיי ער האט באקומען דארט די הוראה און סיי דער צעהלימער רב, ביידע האבן געהאט אינטערעסאנטע זאכן ביי אים.

צעהלימער רב האט געזאגט פאר'ן לבושי מרדכי אז ער וויל זיך שוין געזעגענען ווייל ער דארף כאפן די באן אהיים און נאכדעם איז נישט דא נאך א באן, האט דער לבושי מרדכי געזאגט, "אבער כ'וויל נאך איבערשמועסן איין שאלה מיט דיר", זעענדיג אז ס'ווערט שוין ממש

**ו.** ראה שם לשונו הקדוש: ומענין לענין באותו ענין אמרתי אעלה פה דבר הלכה אשר זכיתי לומר קדם מרן הקדוש מוהר"א מבעלזא זי"ע בעת הייתי לקבל פניו ברגל בירושלים עיה"ק ת"ו, כשנכנסתי לקבל ברכתו כנהוג אמר אלי היות כי אתם מורה הוראה אשאלה לכם שאלה לפסוק הלכה בתור מורה הוראה, הנה חסידי בעלזא אשר בעיר אנטווערפן כיבדו אותי במתנה בספר תורה אשר הי' שייך לבית חסידי בעלזא (בעלזער שטיבל), ויש לי ספק אם אין בזה חשש ע"פ הלכה לשנות משל ציבור לשל יחיד, ע"כ דבריו. והאיר ה' את עיני ונזכרתי גמרא ערוכה במגילה וכו'.

**והך** סברא גופא שייך גם בנידון זה, דבכל מקום שיש חסידי בעלזא ויסדו להם בית תפלה ולימוד (שקורין בעלזער שטיבל) הלא רבינו הוא מנהיגם דלתכלית זה נתיסד כדי להיות מקושרים עם רבינו וכל מעשיהם ומנהגים עושין על דעתו של רבינו, א"כ אמדינן דעתן שכאשר התנדבו לתת ס"ת זה לבית התפלה דשם שנתנוהו על דעתו של רבינו, וכאלו התנו שרבינו יהא רשות בידו, וכסברת ר' אשי במתא מחסיא, וממילא לא מקרי שינוי דגם מעיקרא ברשותו של רבינו הי' עומד. וגם להלאה יקראו בו בציבור וכיון דכל המתנדבים הם חסידים המקושרים אל רבינו בודאי נחשב אצלם לזכות ולעילוי בקדושה מה שרבינו יקרא בו בציבור. כן השבתי על אתר למרן זצ"ל והי' סייעתא דשמיא שנזכרתי תיכף מהך גמרא.

**ז.** ראה מה שכתב הראה"כ הגה"ח ר' יצחק דוד הכהן פריעדמאן ז"ל בספרו יד כהן (אות סב): כ"ק אדמו"ר (שליט"א) [זיע"א] סיפר לי דכשנסע בפעם הראשון לארץ ישראל לכ"ק מרן מבעלזא זי"ע על שבועות תש"ט, והיה אז אחר אפעראציאן הראשון שסבל הרבה מכאב הראש, והזכיר עצמו לרפואה שלימה וגם לזכרון בתלמודו ובענין הוראה, ושאל כ"ק מרן זי"ע ממנו איזה שאלות וכו'. ואמר לו כ"ק מרן [מבעלזא] זי"ע שפוסק באמת וביושר בכל ענינים, וברכו בהצלחה בהוראה. ואמר לי כ"ק אדמו"ר (שליט"א) [זיע"א] שזה היה לו באמת כמו הסכמה על הוראותיו. ואני גם כן הייתי אז על שבועות אצל כ"ק מרן [מבעלזא] זי"ע ושמעתי ששאל ממנו [בהלכות יו"ד בסימן קפ"ט], ואמר לו שכל המורה הוראות פוסקים כן עכל"ק.

**וכן** סיפר הרה"ח ר' אלכסנדר פריעד ז"ל שהתלוה לכ"ק מרן ז"ל בתור משמש בקודש באותה נסיעה, שבנסעו על הספינה התמרמר מרן ז"ל לפניו שמרגיש שלאור מצב חולשתו אינו יכול להמשיך לדון ולהורות בישראל, אולם אחר ששמע דברים בהירים אלו יוצאים מפה קודש מרן מבעלזא ז"ל, החזיק את הדברים כאות מן השמים שעליו להמשיך לעסוק בעניני הוראה.

שפעט האט צעהלימער רב געזאגט אז ער מוז שוין גיין ווייל די לעצטע באן איז זיבן אזייגער, אבער דער לבושי מרדכי האט אים געזאגט, "איך וויל עס אבער בעסער איבערשמועסן", האט אים צעהלימער רב געזאגט אז טאמער ער פארפאסט דעם באן מוז ער שוין דא בלייבן אויף שבת, האט דער לבושי מרדכי געזאגט, "אפילו אזוי וויל איך קלארער איבערשמועסן דער ענין", אזוי האט ער אויפגעהאלטן דעם צעהלימער רב ביז ער האט פארשפעטיגט דער באן, למעשה האט זיך ארויסגעשטעלט אז דער באן האט געהאט אן עקסידענט און קיינער האט עס נישט איבערגעלעבט ל"ע, אזוי האט מיר דער רבי ז"ל דערציילט וואס איז געווען מיט'ן צעהלימער רב.

דערנאך האט מיר דער רבי ז"ל דערציילט וואס ער האט געהאט מיט'ן לבושי מרדכי. ער איז געווען ביים לבושי מרדכי פאר א לאנגע צייט און אלע שאלות האט ער געדארפט ענטפערן, ס'איז נישט געווען קיין לייכטע שאלות ווייל דער לבושי מרדכי איז געווען דער זקן ופוסק הדור.

ביים געזעגענען האט דער רבי ז"ל געוואלט באקומען א ברכה אויף סייעתא דשמיא, האט ער זיך געגעבן א בייג אראפ די קאפ און געבעטן דער לבושי מרדכי זאל אים בענטשן. האט דער לבושי מרדכי געזאגט: "איך זאל דיר בענטשן? פארוואס טוסטו נישט דאס וואס איך טו? יעדע מאל ווען איך זאג ביי שמונה עשרה 'ברכנו אבינו כולנו באחד' געב איך מיר א בייג אראפ אביסל די קאפ און איך בין מרגיש אז איינער בענטשט מיר", האט דער לבושי מרדכי געזאגט פאר'ן רבי'ן ז"ל: "טו די זעלבע זאך וואס איך טו". אבער אף על פי כן האט דער לבושי מרדכי געבענטשט דעם רבי'ן ז"ל.

האט מיר דער רבי ז"ל געזאגט: "איך קען נישט זאגן אלעמאל, אבער רוב מאל ווען איך קום אן צו ברכנו אבינו, קומט מיר ארויף דמות דיוקנו פונעם לבושי מרדכי פאר די אויגן, און עפעס שפיר איך ווי איינער בענטשט מיר".

**הגריי"א גאלדבערגער**: דער רבי ז"ל שרייבט אין שו"ת קרן לדוד אז ער האט געוואלט באקומען א הסכמה פונעם לבושי מרדכי ווייל ער האט געזען אז ס'איז געווען ניחא פאר **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע** אז ער זאל נעמען פון אים א הסכמה[ח].

**כ"ק מרן שליט"א איחל לחיים, ועבר כל הקהל לברכת לחיים.**


לקראת יומא דהילולא קדישא
י"ג מנחם-אב הבעל"ט, וועט אי"ה
ערשיינען א פארגרעסערטע גליון

**גבאי הקהלות והמוסדות ועסקני מפעלי תורה וחסידות וועלכע ווילן אריינשטעלן מודעות לקראת היארצייט, זאלן זיך פארבינדן מיט העסקן הרב דוד שפיצער הי"ו אויף 929.441.0890**

ביז מאנטאג ואתחנן
6 אזייגער נאכמיטאג


**ח.** ראה מה שכתב שם כ"ק מרן ז"ל בתחלת הספר: אמר המו"ל, אחרי שכ"ק אדדמו"ר [אדוני דודי מורי ורבי] המחבר זצ"ל גילה דעתו שברצונו ליקח הסכמה על ספרו מגאון הדור זקן ההוראה בעל הלבושי מרדכי שליט"א, על כן לעשות רצונו חפצי וזה אשר השיב לי וכו'.


אינהאלטסרייכע שיעורים
געקליבענע הערליכע נושאים
KOL KEHILAS YAKOV



פרא׳יעקט
ובלכתך בדרך
ספעציעלע פראגראם
יעדע ליל שישי במשך די
זוממער וואכן ספעציעל
פאר אנ"ש וואס פארן
ארויס אויף די בערג
1←1
פון די מעין מעניו
מ'קען איבערהערן דעם וועכענטליכער
פראגראם אויף 1-4-1
קול קהלת יעקב
קו אנ"ש חסידי פאפא
718.
480.
7872
PUPA

# דברות קודש

## הדרכה לימי הקיץ לבחורי ישיבה קטנה

**יום ה' קרח תשפ"ה לפ"ק**

### אשרי תמימי דרך

אשרי תמימי דרך (תהלים קיט, א). מ'פארט ארויס אויפ'ן וועג קומט דער יצר הרע אן, אזויווי די וועלט זאגט א מילתא דבדיחותא אז אויף 'אשרי תמימי דרך' דארף מען אכט פסוקים פון תמניא אפי, אבער 'אשרי יושבי ביתך' אז מ'זיצט אינדערהיים איז גענוג איין פסוק.

אז מ'איז אינדערהיים איז מען שוין אויסגעשטעלט, די טאג איז שוין מסודר, אבער אז ס'איז אשרי תמימי דרך הייבט זיך אן א פרישע מעשה, דער יצר הרע קומט מיט תירוצים, "כ'בין געקומען אויף א נייע פלאץ, כ'בין נאכנישט מסודר, די קאפ שטייט מיר נאכנישט אויפ'ן פלאץ". דער יצר הרע איז איבעראל, סיי אין שטאט, סיי אין קאנטרי און אפילו אויף אין פאפא קעמפ...

נאר וואס דען? א חסיד'ישע בחור דארף וויסן אז די חכמה פון ערליכע אידן איז אז מ'ווייסט פאראויס פון דעם.

### בוקר ויודע ה'

די וואכעדיגע סדרה שטייט (פ' קרח טז, ה) בוקר ויודע ה' את אשר לו, זאגט רש"י עתה עת שכרות הוא לנו. פשט איז, וויאזוי הייבן ערליכע אידן אן די טאג? אז וועו מ'שטייט אויף צופרי זאגט מען מודה אני לפניך מלך חי וקים שהחזרת בי נשמתי.

**הרה"ק רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע** האט געזאגט אז ווען מ'שטייט אויף צופרי און מ'זאגט 'מודה אני' און מ'איז זיך מתבונן, "געוואלד און געשריגן! ווער איז דער אני און ווער איז לפניך", דאן פאלט א פחד!

דאס האט משה רבינו געזאגט, 'בוקר' ווען מ'שטייט אויף צופרי, שטייט מען אויף מיט א קלארע דעת און מ'הייבט אן די טאג מיט א מחשבה, "וואס דארף איך היינט טון צו דינען דעם אויבערשטן?" יעדן טאג איז א פרישע זאך! יעדן טאג בעט מען נאכאמאל שתרגילנו בתורתיך, שתצילנו מיצר הרע, והאר עינינו בתורתיך ודבק לבנו במצותיך און די אלע תפלות, דאס זאגט מען יעדן טאג עקסטער.

דאס מיינט בוקר, ווען מ'הייבט אן די טאג צופרי קומט דארט דער יצר הרע און ער זאגט, "הייב אן נאר אביסל", למשל ווען מ'זעצט זיך אוועק ביי די גמרא מאכט ער טראכטן, "אבער כ'וויל נאר שמועסן נאך איין מינוט, איך גיי באלד לערנען כ'האב נאר א וויכטיגע זאך פאר איין מינוט, כ'וויל נאר שמועסן איין ווארט מיט'ן חבר".

מ'דארף וויסן אז דאס גייט נישט אזוי! ניטאמאל א האלבע מינוט וויל איך אויך נישט שמועסן! דאס איז א דוגמא וויאזוי מ'הייבט אן די טאג מיט א פעסטקייט, "איך בין דא אויסצופירן דעם טאג!"

### ורוממנו מכל לשון

דא אין די ישיבה איז די פלאץ וואו די בחורים וואקסן ווי חסיד'ישע בחורים, אונז האבן נישט קיין ישיבה פאר בעל בת'ישע בחורים, אונז האבן נישט קיין ישיבה פאר בעל בת'ישע אידן, אונז האבן א ישיבה פאר חסיד'ישע בחורים! דאס מיינט מען אז וואס ביי א בעל הבית איז מותר איז ביי אונז נישט מותר.

איר ווייסט דאך די מעשה מיט'ן **וויזניצער רבי הרה"ק האהבת ישראל זי"ע**, אז ס'זענען געקומען צו אים שוואכערע אידן און געבטן, "לאמיר ארבעטן צוזאמען אונז האבן דאך איין פאטער", האט דער וויזניצער רבי געזאגט, "אונז האבן טאקע איין פאטער אבער אונז האבן נישט איין מוטער, וואס ביי אייך איז מותר איז ביי אונז נישט מותר"... א בעל בת'ישע איד און א חסיד'ישע איד איז צוויי אנדערע זאכן, אונז האבן דא א ישיבה פאר חסיד'ישע בחורים.

כ'וועל נישט אריינגיין אין צופיל פרטים, אבער דער יצר הרע שטעלט זיך אוועק אויף געוויסע זאכן, למשל אז מ'גייט אריין ביי די שוויער'ס אין מקוה זעט מען אלע מיני זייפן, אזא מין זייף מיט אזא מין זייף; איך הייב עס נישט אן צו פארשטיין! וויפיל מיני זייפן דארף מען דא האבן? זייטס נישט ברוגז אויף מיר אבער וויפיל פראסטקייט ליגט אין דעם?! איך הייב ניטאמאל אן צו פארשטיין די גאנצע מעשה... דאס ווייס איך יא אז ערליכע אידן פלעגן צו נעמען כשר'ע זייף, מ'האט געהאט א חומרא צו נעמען נאר כשר'ס ווייל ס'איז געמאכט מיט חלב, אבער דאס וואס מ'רעדט דא איז דאך היפך חסידות.

דאס איז נאר א דוגמא, נישט אז איך פארלאנג אז מ'זאל נישט זיין ריין, מ'דארף נישט גיין מיט קיין שמוציגע רעקלעך, נישט דאס מיין איך, מ'דארף אבער זיין ויגבה לבו בדרכי ה'.

### התפשטות הקדושה

בעצם דא אין די ישיבה פארלאנגט מען אז אויך ווען מ'גייט אהיים זאל א בחור זיין אוועקגעשטעלט ווי עס דארף צו זיין אז ס'זאל זיין א קידוש ה', אבער דא אז מ'פארט ארויס אין קעמפ וויל איך זאגן אזוי.

אין בית המקדש איז געווען א היכל, קדשי קדשים, עזרה, הר הבית, די ארום און ארום און בכלל גאנץ ארץ ישראל וואס איז מקודשת מכל הארצות (מסכת כלים א, ו).

דאס זעלבע דארף מען דא וויסן, די בית המדרש איז די הייליגסטע זאך, אבער די קדושה שפרייט זיך אויס איבעראל, סיי ביים שפילן און סיי אין דארמיטארי וואו מ'שלאפט. א חסיד'ישער בחור, אן ערליכער איד פירט זיך איין אז בשעת מ'לייגט זיך קוקט מען אריין אין א ספר פון סיפורי צדיקים אדער גרינגע דברי תורה און מיט דעם לייגט מען זיך שלאפן, מ'פירט זיך מיט די אלע זאכן אזויווי חסיד'ישע אידן, ערליכע אידן, געהויבענע אידן, אזויווי ס'פאסט פאר חסיד'ישע בחורים.

מ'פארלאנגט נישט פון קיין איד אז מ'זאל זיין מלאכים, אבער דאס וואס יענער טוט טוען אונז אויך, דהיינו אין פסוק שטייט (מלאכי א, ב-ג) הלא אח עשיו ליעקב ואהב את יעקב ואת עשיו שנאתי. פשט אין פסוק איז, עשיו מיינט ביי זיך, "עה, דער יעקב זיצט און לערנט ער קען גארנישט, ער מיינט אז מ'דארף זיין א מלאך, ער עסט נישט ער שלאפט נישט, א גאנצן טאג לערנט ער". אבער דער אויבערשטער זאגט, "ניין! אח עשיו ליעקב, יעקב עסט אויך, יעקב שלאפט אויך, אבער ואהב את יעקב ואת עשיו שנאתי, די שלאפן און עסן פון עשיו דאס האב איך נישט ליב, אבער די שלאפן און עסן פון יעקב האב איך יא ליב!" מ'דארף צו וויסן וויאזוי זיך צו פירן.

## תורה עם יראת שמים

איך זאג נאר צווישן די שורות, אבער מ'דארף וויסן אז אמאל קען זיין חס וחלילה טאמער א בחור לערנט נישט מיט יראת שמים, אז א בחור האט נישט קיין ערליכע מחשבות, דאן טויג נישט די גאנצע לימוד התורה! ס'טויג נישט, ס'טויג נישט! דער יצר הרע זאגט, "ס'וועט שוין גוט זיין, ס'וועט שוין גוט זיין", אבער מ'דארף וויסן אז ס'וועט נישט גוט זיין! מ'דארף האבן ערליכע מחשבות און מ'דארף האבן שמירת עינים, א בחור דארף זיין אפגעהיטן אין אלע זמנים, די שבתים די וואכנדיגע טעג, ביים לערנען און ביים שפילן, ביים עסן און ביים שלאפן.

## ערב שבת

שבת איז דאך א געוואלדיגע זמן! אודאי דער בחור וואס איז נעבעך א רחמנות האט נישט וואס צו טון פרייטאג נאכמיטאג; פארוואס האסטו נישט וואס צו טון? קומטס אהער צו מיר איך וועל ענק שוין זאגן וואס עטץ האטס צו טון פרייטאג נאכמיטאג און ביי אלע ליידיגע זמנים... איך וועל ענק שוין געבן אן עצה... ס'איז דא וואס צו טון! מ'מעג זיך אודאי אראפלייגן פרייטאג נאכמיטאג כדי מ'זאל האבן כח פרייטאג צונאכטס, אבער דער טאג איז גענוג גרויס ס'איז דא צייט פאר אנדערע זאכן אויך.

זאל דער אויבערשטער העלפן עטץ זאלטס אלע פארן געזונטערהייט, עטץ זאלטס מצליח זיין, מ'זאל הערן כסדר גוטע גריסן פון ענק, הצלחה רבה זייטס מצליח.

# דברות קודש

### אצל מסיבת לחיים בהיכל ישיבה קטנה במחנה רובינשטיין

**יום ד' פנחס תשפ"ה לפ"ק**

## קדוש מבואו ועד צאתו

מ'האט געזינגען דעם פסוק אחת שאלתי מאת ה' אותה אבקש שבתי בבית ה' כל ימי חיי. לכאורה צו קען מען דען זיצן אין בית המדרש כסדר? מיר זענען דאך נישט קיין מלאכים, וויאזוי קען מען כסדר זיצן אין בית המדרש, מ'דארף דאך עסן, מ'דארף דאך שלאפן, מ'דארף טון אנדערע זאכן, וואס הייסט שבתי בבית ה' כל ימי חיי?

דער עיקר איז נישט די תורה אבער כ'וועל זאגן א ווארט. ס'שטייט אין די וואכעדיגע סדרה (במדבר כז, טז-יז) אז משה רבינו האט געזאגט יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם. שטייט אין ספה"ק **אך פרי תבואה** אז מ'זאגט ביי די זמירות (זמר כל מקדש) יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו, 'בואו' איז א העכערע קדושה און 'צאתו' איז א קלענערע קדושה, 'בואו' מיינט מען די עניני הנשמה און 'צאתו' מיינט מען ווען מ'גייט אוועק פון די עניני הנשמה, שבת איז יום קדוש הוא מבואו ועד צאתו, נישט נאר ווען מ'איז מקורב און מ'קומט אריין אל הקדושה, נאר אפילו ווען מ'גייט ארויס און מ'איז עוסק בעניני הגוף אכילה ושתיה ושינה איז עס אויך קדוש.

דאס איז מרומז אינעם פסוק יפקוד ה' אלקי הרוחות לכל בשר איש על העדה אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם. אשר יבא לפניהם מיינט אז מ'זאל שטעלן אזא מנהיג וואס זאל אויסלערנען דעם עולם די ביאה דאס מיינט מען עבודת ה' תורה ותפלה, אשר יצא לפניהם מיינט מען די אנדערע חלק די יציאה דארף דער איש על העדה אויך אויסלערנען דעם עולם וויאזוי מ'זאל זיך פירן מיט די ענינים גשמיים, [אתד"ק].

## מקום שמחשבתו של אדם

האב איך געטראכט אז טאמער ס'איז זיך מזדמן פאר א איד אן ענין דארף מען זיך מתבונן זיין וואס מ'נעמט ארויס פון דעם.

ס'שטייט (ברכות ח.) מיום שחרב בית המקדש אין להקב"ה בעולמו אלא ד' אמות של הלכה בלבד. אז די חשוב'ע טייערע בחורים קומען ארויס דא אויף די בערג צו קעמפ איז מען דא ארומגענומען מיט די בית המדרש דאס איז די הלכה אליין, און די איבריגע זאכן די הויף, אונטן וואו מ'עסט און דער בנין וואו מ'שלאפט, דאס זענען די ד' אמות של הלכה.

יעצט דארף מען קלערן ביי זיך אז ס'איז ידוע וואס דער **בעל שם הק' זי"ע** זאגט במקום שמחשבתו של אדם שם הוא, דער מענטש איז דארט וואו די מחשבה איז, קומט אויס אז א גאנץ יאר ווען מ'איז אינדערהיים דארף מען אויך זיין ארומגעגומען מיט די ד' אמות של הלכה, די ד' אמות של הלכה דארף זיין ביי יעדעם איינעם אין שטוב.

ממילא דארף מען כאפן די נקודה אז פונקט אזוווי יעצט זענען די דארמיטארי'ס דער חדר האוכל אלעס א חלק פון די ישיבה, דארף מען אויך וויסן דאס זעלבע ווען מ'גייט אהיים אין שטאט אז אינדערהיים איז מען אויך אין ישיבה, צי שבת נאכמיטאג צי פרייטאג נאכמיטאג צי אנדערע פרייע זמנים ווען מ'גייט אהיים, מ'דארף וויסן, "יעצט בין איך אין ישיבה און איך דארף זיך פירן אזוווי עס פאסט זיך פאר א בחור וואס זיצט און לערנט". די שלאפן, די עסן און די גאנצע התנהגות דארפן זיין ווי עס פאסט בבחינת אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם.

## שמחה בעבודת ה'

פרשת פנחס איז אין די דריי וואכן, ביי חסידים איז נישט דא אזא זאך אז מ'איז נישט בשמחה, אזוווי **כ"ק מרן אאמו"ר זצוק"ל** ברענגט אין איינער פון די הקדמות (לספה"ק ויגד יעקב דברים), שרייבנדיג, "זייענדיג א יונגע בחור האב איך מיר גע'חידוש'ט אז כ'האב געזען אז ס'שטייט אין א ספר [ה"ה הספה"ק עבודת ישראל פ' מסעי] אז אפילו אין די דריי וואכן דארף מען זיין בשמחה".

האט אים **כ"ק אא"ז מרן הויגד יעקב זי"ע** געזאגט, "וואס פארשטייסטו נישט, למשל אז מ'זאגט ביים דאווענען די ווערטער 'ישמח ישראל בעושיו' דארף מען זיך פרייען אפילו אין די דריי וואכן".

דאס מיינט אשר יצא לפניהם ואשר יבא לפניהם, אז ס'זאל זיין מיט א שמחה, נישט אז ווען מ'גייט אהיים גייט מען אהיים כתינוק הבורח מבית הספר, "אה! יעצט בין איך שוין פטור", און ווי די שוואכערע גאס רופט דאס "פרעשור"; וואס פרעשור? וואו פרעשור? ווען פרעשור? פארקערט איך בין שטאלץ מיט די אלע זאכן!

## מדת עקשנות לעבודת ה'

ס'שטייט אין פרשת חקת (במדבר יט, ב) זאת חקת התורה, די סגולה פון תורה איז לטהר טמאים ולטמא טהורים, וואס מיינט לטהר טמאים ולטמא טהורים? זאגט דער טאטע ז"ל אז די געמיינסטע מדה קען זיין לטהר טמאים און ס'קען זיין לטמא טהורים, טאמער מ'נוצט עס אויס אזוווי עס דארף צו זיין איז עס מטהר טמאים און טאמער נישט איז עס מטמא טהורים, אתד"ק.

א בחור וואס זיצט און לערנט טאר נישט זיין קיין בטלן, אז מ'קומט אן צו א שטיקל וואס מ'פארשטייט נישט דארף מען זיך שטעלן דערויף, "איך פארשטיי נישט די תוספות", מ'גייט צו דערצו מיט עקשנות, מ'דארף זיך נישט פאפן ווען מ'לערנט, אז דו פארשטייסט נישט זאלסטו זאגן אז דו פארשטייסט נישט דעם תוספות, מ'זאל זיך נישט לאזן נארן, "ווארט א מינוט, איך פארשטיי נאכנישט".

דאס איז מדת עקשנות! לכאורה עקשנות איז דאך א געמיינע מדה, א איד דארף דאך זיין ווייך? אונז זאגן יעדן טאג שתצילנו היום ובכל יום מעזי פנים ומעזות פנים, ס'שטייט (אבות ה, כ) יהודה בן תימא אומר הוי עז כנמר וקל כנשר רץ כצבי וגבור כארי, מ'דארף האבן גבורה, אויב אזוי דארף מען יא האבן גבורה אדער נישט?

## מדת גיאות לעבודת ה'

עז פנים לגיהנום ובושת פנים לגן עדן (משנה שם) פלעגט מען צו טייטשן אז ווען מ'גייט ארויס אויף די גאס דארף מען זיין אן עזות פנים, וואס האב איך מיט די בעל בת'ישע וועלט? איך בין א חסיד'ישער בחור! וואס האב איך מיט דעם בעל הבית איינגעלייגט?! איך בין נישט קיין בעל הבית! איך בין נישט קיין בעל בת'ישער בחור! מ'דארף זיין שטאלץ!

אוי געוואלד! שטאלצקייט איז דאך גיאות, דאס איז דאך א געמיינע מדה! אבער דאס איז די סגולת התורה, תורה ווייזט דעם וועג וואס ס'איז יא רצון הבורא און וואס ס'איז נישט נישט רצון הבורא, די זעלבע מדה דארף מען וויסן וויאזוי יא צו נוצן און וויאזוי נישט צו נוצן.

אודאי דארף מען האבן דרך ארץ, מ'דארף האבן מדות טובות, מ'דארף מקבל זיין, מ'דארף זיין א נכנע, מ'דארף האבן דרך ארץ און מכבד זיין עלטערע אידן, אבער מ'דארף וויסן ווי אין און ווי אויס. דאס איז די עבודה פון א חסיד'ישער בחור.

## תירוצים של היצר הרע

די וועלט זאגט א ווערטל אז ס'זאגט זיך גרינג... די אלע זאכן זענען אן עבודה, דער יצר הרע איז נישט מסכים צו דעם, ער האט גענוג תירוצים, טאמער מ'זוכט תירוצים זאג איך ענק פאראויס אז דער יצר הרע האט אסאך מער טענות און תירוצים פארוואס מ'זאל נישט ארבעטן.

ס'איז דא א מילתא דבדיחותא, ס'איז געווען אמאל א יונגל האט נישט געוואלט לערנען האט אים דער טאטע געוואלט ווייזן אז צו ארבעטן איז גארנשט גרינגער, האט ער אים

געזאגט, "דו ווילסט נישט לערנען, קום אריבער ארבעטן", דער טאטע האט אים געגעבן שווערע ארבעט און נאך שווערערע ארבעט אבער ס'האט גארנישט געהאלפן, ביז דער יונגל האט אמאל געגעבן א קרעכץ, "אוי געוואלד טאטע, שוין באלד ווי געלערנט"...

טאמער מאכט זיך אמאל אז דער יצר הרע קומט צו א בחור און מאכט אים טראכטן, "עה, וואס וועט שוין זיין פון מיר, כ'האב נישט פארשטאנען, כ'האב נישט געקענט", דארף מען וויסן אז מ'דארף זיין אן עקשן, "איך וועל מיר נישט לאזן! איך וועל אנקומען אי"ה!" עקשנות ברעכט אייזן!

פארשטייט זיך אז עקשנות אליין איז א געמיינע מדה, מ'דארף וויסן ווען יא און ווען נישט. דאס קומט צו דורך תורה, און תורה קען מען נאר זוכה זיין אז מ'איז א מקבל, טאמער מ'בייגט זיך אונטער, מ'איז א מקבל דאן קען מען זוכה זיין צו באקומען עפעס; אז מ'גיסט אריין פון א כלי צו א כוס קען מען נישט אריינגיסן טאמער די כלי איז אין די הייעך, די כוס דארף זיין נידריגער און נאר אזוי קען מען אריינגיסן, דארף מען וויסן אז נאר באופן זה קען מען מקבל זיין.

## ברוחניות אין מחיצות

דער **מנהל שליט"א** האט פריער געזאגט וועגן דעם אז מ'וועט זיין דא שבת, וויל איך ענק זאגן די באקאנטע מעשה, אז ווען **כ"ק מרן מהרי"ד מבעלזא זי"ע** איז צוריקגעקומען פון אונגארן נאכ'ן ערשטן קריג האט מען נאכנישט געקענט גיין קיין בעלזא, איז ער געגאנגען אויף האלאשיץ ביז מ'האט מסדר געווען די זאך אין בעלזא, און אויף פורים איז דער פריערדיגער רב ז"ל צוריקגעקומען אויף בעלזא.

איידער דער פריערדיגער רב איז צוריקגעפארן האבן די האלאשיצע אידן געבעטן, "דער רבי זאל נאך בלייבן דא אויף פורים", ער האט אבער נישט געקענט בלייבן, אבער ער האט געזאגט, "איך וועל לאזן דא מיין זון אויף פורים", און ער האט מכבד געווען זיין זון **כ"ק מרן מבעלזא זי"ע** דארט צו בלייבן.

ווען דער לעצטער רב ז"ל האט דאס געהערט האט ער געזאגט, "אוי געוואלד, כ'האב נאך קיינמאל נישט פארפעלט צו הערן קריאת המגילה פון טאטן, וואס וועט זיין דא?" האט דער פריערדיגער רב ז"ל געזאגט, "זיי נישט קיין בטלן, איז דען דא א מחיצה צווישן האלאשיץ און בעלזא?"

דאס זעלבע זאגן אונז דא, "איז דען דא א מחיצה צווישן קעמפ און קרית פאפא? ס'איז נישט דא קיין מחיצה". איך אינטערעסיר מיר שטענדיג און מ'געבט מיר איבער וואס ס'טוט זיך דא.

## הבנת התורה

דער עיקר איז אז מ'זיצט און לערנט, דאס וועט זיין די גרעסטע זאך, אז מ'פארהערט זיך א מסכת געבט דאס א חיזוק און א חיות אויף ווייטער, סיי מ'זאל פארשטיין די סוגיות און סיי אז מ'זאל לערנען און קענען די בלעטער, מ'ווייסט וואס תוספות זאגט אויף יענע דף און אויף יענע דף, אז מ'געדענקט נישט וואס מ'האט געלערנט קען מען נישט מאכן קיין פלפולים... וואס האסטו פון די פלפול אז דו ווייסט נישט וואס תוספות זאגט דארט.

זאל דער אויבערשטער געבן אז עטץ זאלטס אלע מצליח זיין ברוב הצלחה וסייעתא דשמיא.

# דברות קודש

**אצל מעמד החדר פירן להנכד הילד**
**בנש"ק יודא יחיאל נ"ו בן הרה"צ רבי משה**
**שליט"א במחנה הקיץ דחסידי פאפא**

**יום א' מטו"מ תשפ"ה לפ"ק**

## מרובים העושים את המצוה

וואס איז די שמחה דא? צו וואס זענען אונז זיך צאמגעקומען דא?

מ'זאגט ביי ברכת התורה ונהיה אנחנו וצאצאינו וצאצאי צאצאינו כולנו יודעי שמך, 'כולנו' אלע זאלן זיין יודעי שמך, ווען איין איד מאכט א שמחה פרייען זיך אויך מיט אלע אידן מיט אים, מ'קען נישט מאכן א שמחה אליין, א מענטש קען זיך נישט פרייען אליין.

קומט אויס לפי זה אז יעדע יונגל וואס קומט לערנען תורה געבט דאס צו פאר יעדעם אז נאך א יונגל קומט לערנען תורה, דאס געבט א חשק אויף ווייטער. רש"י זאגט (ויקרא כו, ח) אינו דומה מועטים העושים את המצוה למרובים העושים את המצוה, אזוויו ווען מ'וויל אויפהייבן א שווערע גרויסע זאך, כאפט מען עס אן צוזאמען.

ממילא קענען זיך אלע קינדער תלמידים פארנעמען פון פריש צו לערנען תורה מיט יראת שמים, און צוהערן צו ענקערע מלמדים און עלטערן, ובאופן זה וועט עטץ אלע וואקסן בתורה ויראת שמים, ס'וועט נתקדש ווערן שם שמים על ידיכם, ענקערע עלטערן וועלן זען נחת, ס'וועט זיין א כבוד פאר אונזערע עלטערן, ס'וועט זיין א כבוד פאר די גאנצע חברייא, זאל מען שוין זוכה זיין בקרוב צו גיין קעגן משיח צדקנו בב"א.

בולעטין #2
חודש אב
תשפ"ה לפ"ק



# דורות הבאים

עס וואקסט אויף א דערהויבענע דור

רוממתנו עלעמענטרי
רוממתנו היי סקול
רוממתנו לניגונים
929.630.7872

אן אינפארמאטיווע אריינבליק אין די "רוממתנו" אקטיוויטעטן

פרשת במדבר

## רייכע שבוע עיון אין מאנסי מלא תוכן וחיזוק

א גאר רייכע שבוע עיון פראגראם איז פארגעקומען פרשת
במדבר, פאר די מיידלעך פון בנות אסתר אין מאנסי.
מאנטאג, איז געווען א שטארקע דרשה דורך הר"ר אהרן ארי׳
אייזנבערגער שליט"א, איבער מאכן אייגענע גדרים וסייגים.
דינסטאג, איז פארגעקומען א ׳פאנעל׳ – שאלות ותשובות דורך
מרת לויפער – מחנכת אין בית טראני סקווירא, איבער די מציאות
פון אפיסעס, און די כשרות סטאטוס פון עטליכע פראגראמען.
מיטוואך, איז געווען א פאנעל ווי מיידלעך האבן מיטגעטיילט
אייגענע עקספיריענס, וויאזוי זייער ׳סעלף קאנטראל׳ פון
איינהאלטן די קבלות, האט זיי ארויסגעהאלפן אין פילע הינזיכטן
אין לעבן.
לסיום הענין, איז פארגעקומען א הערליכע ׳סליידס
פרעזענטאציע׳.

מאנטאג שלח

## מעמד אין וויליאמסבורג בראשות הרה"צ ר׳ לוי יצחק שליט"א

הרה"ג ר׳ יעקב יוסף אויש שליט"א, משב"ק, האט געעפנט די
מעמד, ווי ער האט מאריך געווען מיט הערליכע פערל ווערטער
כדרכו.
דערנאך האט אויפגעטראטן הרה"צ ר׳ לוי יצחק שליט"א דומ"ץ
דקהילתינו בב"פ, בשליחות פונעם רבי׳ן, מיט גאר שטארקע דברי
חיזוק.
דערנאך האבן די קינדער גע׳חתמ׳ט קבלות און עס איבערגעגעבן
פאר הרה"צ ר׳ לוי יצחק שליט"א.
אלע קינדער וואס האבן איינגעהאלטן די קבלות ביז די מעמד,
האבן באקומען א קארטל, מיט וואס זיי האבן שפעטער געקענט
קומען אפנעמען זייער ערליך פארדינטע מתנה.











דינסטאג קרח

## דערהויבענע מעמד התחדשות הקבלות אין ב"פ

א גאר דערהויבענע מעמד איז פארגעקומען דורך רוממתנו,
אין ב"פ.
צום ערשט האט אויפגעטרעטן דער משב"ק הרה"ג ר׳ יעקב
יוסף אויש שליט"א, ווי ער האט ארויסגעברענגט אז
ס׳נישטא אזא זאך אז מ׳פאלגט נישט די רבנים און מ׳פאלט
נישט דורך, אזוי אויך, אז רוממתנו נעמט מען מיט פאר א
גאנץ לעבן.
דערנאך האט אויפגעטראטן די מנהל הרה"ג ר׳ אברהם
חיים שפיטצער שליט"א, ווי איז האט איבערגעגאנגען די
נקודות פון הרב יעקב יוסף שליט"א.
דערנאך האט מען אויסגעטיילט די קבלה קארטלעך, ווי
מ׳האט געקענט זען די ערנסקייט פון די קינדער, נאכדעם
וואס רובא דרובא קינדער האבן זיך מקבל געווען.
ווי א מלמד האט זיך אויסגעדריקט נאכן מעמד, אז מ׳האט
געקענט זען די דערהויבנקייט פון די מעמד, אז אפילו אויף
קינדער וואס האבן זיך נישט מקבל געווען האט זיך אויך
אנגעזען אן ערנסטקייט.



# חסידים דערציילן

עובדות, מאמרים, וסיפורי חסידים על כ"ק מרנן רבותינו הק' קמא קמא דמטא לידן




## לקראת ז' מנחם-אב יומא דהילולא קדישא של כ"ק מרן אדמו"ר הערוגת הבשם זי"ע

**לא אירע רע**

### סיפר הרה"ח ר' **משה הענדלער** ז"ל:

**שמעתי** מאבי **הרה"ח ר' ברוך הענדלער ז"ל** שבאחת השבתות בעת שלחן הטהור שלש סעודות בצל הקודש של **כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע**, עמד מאחורי הכסא של מרן הערוגת הבושם, ושמע שבהגיע אל הפסוק גם כי אלך בגיא צלמות וגו' אמר לעצמו בהתעוררות רב: "גם כי אלך בגיא צלמות, אפילו ווען איך וועל גיין אין גיהנום; לא אירע רע, פארוואס? ווייל כי אתה עמדי, ווייל דארט השי"ת ביזטו אויך מיט מיר", ובאמרו דברים אלו דפק ברגליו על הארץ וחזר ואמר עוד הפעם: "ווייל דארט ביזטו באשעפער אויך מיט מיר!" (הועתק מספר שמן רענן).

*

**הצוואה הק' הכנה דרבה**

### סיפר הג"ר **משה וועבער** זצ"ל דומ"ץ קהל מחזיקי הדת בעלזא ב"ב ת"ו:

**בא'** מהשנים בעת עריכת שלחן הטהור ז' מנחם-אב לכבוד יומא דהילולא של **כ"ק מרן הערוגת הבשם זי"ע** באנטווערפן, סיפר **כ"ק מרן זצוק"ל** ששמע מפה קדשו של **כ"ק מרן הקרן לדוד זי"ע** שסיפר מה שראו עיניו: "ווען דער ערוגת הבשם האט געשריבן די הכנה דרבה איז ער געזעסן פארשפארט אין צימער, האב איך אריינגעקוקט אין צימער דורך א שפארע, האב איך געזען ווי טרערן זענען אים גערינען פון די אויגן"

*

**לימוד בספר הכנה דרבה**

### סיפר הרב **שלום גבריאל מענצער** שליט"א:

**זכיתי** להיות נוכח בעת הביקור גומלין של **כ"ק מרן זצוק"ל** אצל **הגאון רבי שמואל וואזנער זצ"ל בעמח"ס שבט הלוי**. בתחלת השיחה התמרמר הגאון הרב וואזנער על מה שמרן ז"ל טרח לבא אצלו לבקרו, אבל מרן ז"ל התחמק באמרו: "די דאקטוירים האבן מיר געהייסן גיין, הגם איך פאלג זיי נישט אזוי ערליך, אבער אז איך קען עס אריינלייגן אין א מצוה טו איך עס אזוי".

**במהלך** השיחה פנה הרב וואזנער למרן ז"ל ואמר ברגש: "פאפא רב! איך האלט אז די כח התורה וואס איך האב, איז ווייל איך האב מיר אויסגעוויינט ביים הכנה דרבה!"

**אחר** כך סיפרתי את הדברים לאחי **הר"ר מיכאל דוב הי"ו**, ובהזדמנות שאל בעצמו את הרב וואזנער

אודות זה, נענה הרב וואזנער ואמר: ״א גאנצע נאכט האב איך מיר אויסגעווײנט אויפ׳ן הכנה דרבה!״

*

תפלת בריך שמיה

## סיפר הרה״צ **רבי פינחס חיים** שליט״א רב דקהלתנו מאנסי:

**כשהייתי** פעם בארה״ק עליתי לבקר בבית **הרה״ח ר׳ דוד רובינשטיין ז״ל**, אשר היה דבוק בכל לבו ונפשו אל **כ״ק מרן הערוגת הבשם זי״ע**, ובתוך הדברים סיפר לי שאצל מרן הערוגת הבשם היתה נמשכת התפלה ׳בריך שמיה׳ בעת פתיחת הארון לזמן רב, והיה אומרו בדמעות שליש ממש.

*

עבודת התפלה

## סיפר כ״ק הגה״צ רבי **יצחק לעבאוויטש** שליט״א גאב״ד וואודריזש:

**שמעתי** מדודי **הרה״ח ר׳ ישעי׳ מנחם קליין ז״ל** מעיר מישקאלץ ששמע **מהגה״צ רבי חיים מרדכי יעקב גאטליעב זצ״ל אב״ד מישקאלץ בעמח״ס יגל יעקב**, איך היה נראה תפלת שחרית בכל יום אצל **כ״ק מרן הערוגת הבשם זי״ע** ביחד עם בחורי הישיבה, שהושקעה עבודה גדולה בתפלה, עד כדי כך שלאחר התפלה היו צריכים לשבת לזמן מה ולנוח קצת מן העבודה כדי לחזור להכוחות.

*

יראת שמים והרבצת התורה

## סיפר הרה״ג ר׳ **שמעי׳ גרינבוים** זצ״ל:

**הגה״צ רבי יצחק אמסעל זצ״ל אב״ד אילאק** ביטא פעם בפני אודות גדולתו של **כ״ק מרן הערוגת הבשם זי״ע** מה שזכר עוד משנים קדמוניות היאך הזכירו את שמו של מרן הערוגת הבשם לשבח, באמרו: ״די גרעסטע צדיקי הדור האבן געזאגט בשעתו אויפ׳ן ערוגת הבשם אז ער איז דער גרעסטער איש מוצלח בדור אין יראת שמים, און אין הרבצת התורה״.

*

גוף קדוש

## סיפר הגה״צ רבי **משה סופר** שליט״א רב דבית מדרשנו י״ם עיה״ק ת״ו:

**הייתי** נוכח בעת הלויית **כ״ק האדמו״ר רבי מרדכי שלמה מבאיאן זצ״ל** במחוז איסט-סייד, כשניגש **הרה״ח ר׳ גרשון סג״ל ז״ל** מתושבי עיר חוסט אל **הגה״״ק מצעהלים זצוק״ל** וסיפר לו מה שראו עיניו ולא זר, שאחר שנות השואה הגיע לבית החיים בעיר חוסט ומצאו שהגוים חפרו את הקברים רח״ל לפי שחשבו שהטמינו היהודים שם את ממונם, ובתוכם חפרו גם את ציון המצויינות של כ״ק מרן הערוגת הבשם זי״ע רח״ל, וראה את הטלית בשלימות כמי שנקבר היום.

מבקשים אנו מאנ״ש שכל מי שיש לו איזה עובדא או רשימה ממרנן רבותינו הק׳ ויבלחט״א כ״ק מרן אדמו״ר שליט״א שישאיר הודעה להאספן הרב **מנחם מענדל אבערלאנדער** הי״ו על הקו המיוחד 5548-450(646)

כל הזכיות שמורות ל׳מערכת פאפא׳
718.480.7872
להערות והארות, אפשר להשאיר הודעה בקו המערכת **כפתור 9 < 0**

ארײנצולייגן אייער מודעה אדער ׳מזל טוב׳ פארבינדט אייך אויף:
**929.441.0890** ביז מיטוואך 2:00 נאכמיטאג